באַשלאָסן צו ווערן פרי זעלבסטשטענדיק און באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, און היות ווי גראָד האָט דעמאָלט ביי זיי געשפּילט אַ יידישע טרופּע, וועלכע האָט זיך גענייטיקט אין כאָר, איז זי געוואָרן ביי זיי אַ כאָריסטקע. אַ ביסל שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן מיט פאַרשיידענע טרופּעס, ווו זי האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס אַרטיסטקע, באַזונדערס אָבער אַלס זינגערין, און אַזוי האָט זי געשפּילט אין די טרופּעס פון פּישזאָן, גענפער, סעם אַדלער, נוזיק, שטשערבאַקאָוו, ראָטשטיין א״א.

צוליב פאַמיליע־סבות האָט זי זיך, נאָכן שפּילן 20 יאָר אויף דער יידישער בינע, צוריקגעצויגן פון שפּילן און זיך באַזעצט מיט איר פאַמיליע אין קיעוו.

ווייטערדיקער גורל — אומבאַקאַנט.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

## „ניי־אַזאַזעל״

יאָנאָס טורקאָוו שרייבט אין זיין בוך „פאַרלאָשענע שטערן״:

„ווען די דייטשן האָבן אין וואַרשע דערלויבט צו עפענען דאָס ערשטע יידישע טעאַטער „עלדאָראַדאָ״, האָט [דער אַקטיאָר] חיים סאַנדלער באַשלאָסן צו עפענען אַ צווייט טעאַטער. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז סאַנדלער האָט פאַר אַ סך געלט באַקומען אויף דעם אַ דערלויבניש.

דאָס טעאַטער — געהייסן האָט עס „ניי אַזאַזעל״ — האָט אָנגעהויבן מיט אַ רעווי־פאָרשטעלונג און שפּעטער אַריבער אויף אַ געמישטן רעפּערטואַר. ס׳איז תמיד געווען ביי אים אויספאַרקויפט דאָס טעאַטער און ער האָט געמאַכט, ווי מען האָט געזאָגט, „גאָלדענע געשעפטן״.

דאָס טעאַטער „ניי אַזאַזעל״ האָט געהאַט איבער 500 זיצפּלעצער. געווען ריין, ציכטיק און געשמאַקפול איינגעאָרדנט, האָט זיך געפונען אויף נאָוואָליפּיע 72, ביי דער סאַמע גרענעץ פון געטאָ, ד״ה, ביי דער אַזוי־גערופענער „וואַך״, צענדליקער טויזנטער זלאָטעס האָט מען אַריינגעלייגט אויף איבערבויען דעם דאָרטיקן זאַל, וואָרעם פריער איז דאָרט קיין טעאַטער נישט געווען. פאַר דער מלחמה איז אינם דאָזיקן לאָקאַל געווען דאָס געבעט־הויז פון באַפּטיסטן. האָט זיך געפונען אַ ייד, אַ הענדלער מיט גרינוואַרג, וועלכער האָט געהאַט סקלאַדעס אין אַ הויז אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך געטוישט מיט זיי מיט זיין הויז און איבערגענומען דאָס באַפּטיסטן־הויז אין געטאָ. צוזאַמען מיט סאַנדלערן האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן דאָרט אַ יידיש טעאַטער, מיט אַ בינע, מיט אַ גאַלערעע א״א״וו. מען אָט זיך אין געטאָ געוווּנדערט: אַזאַ שלעכטער פּונקט, ביי דער סאַמע „וואַך״ ...מען וועט דאָך מורא האָבן צו גיין אין טעאַטער, און ווי ריזיקירן עס אונטערנעמער מיט אַזוי פיל געלט אויף אַ טעאַטער ביי דער געטאָ־וואַך. אָבער די קשיא איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרן. דער אויבנדערמאָנטער „גרינוואַרג־הענדלער״ האָט געהערט צו די גרעסטע „הורט־סוחרים פון גרינס״, ד״ה, צו די גרעסטע שמוגלערס אין געטאָ. דעריבער איז געווען פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איס האָט זיך געלוינט אַזוי פיל געלט אַריינצולייגן אין אַ טעאַטער, וואָס שטייט פאַרוואָרפן אין אַ העק, ביי דער סאַמע מויער פון געטאָ . . . דאָרט האָט זיך געפונען די הויפּט־צענטראַלע פון שמוגל. אַרום האַלבע נאַכט פלעגן זיך ברייט עפענען די טויערן פון דער „וואַך״, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען מיטבאַטייליקט אין שמוגל־געשעפט, און ריזיקע לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּילט מיט געשמוגלטע סחורה, פלעגן אַריין דורכן טויער אין געטאָ און נישט דאַרפנדיק ווייט פאָרן, אויסגעליידיקט די אויטאָס און באַלד צוריק אַוועק אויף דער אַרישער זייט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, רויק און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די דירעקציע פונם טעאַטער האָט עפּעס אַ שייכות צום שמוגל. דער שמוגל האָט נאָרמאַל געבליט, און דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט אַ דאַנק דעם געהאַט וואָס צו עסן, הגם די פּרייזן אויף לעבנסמיטל זיינען געווען גאָר הויכע.

די דירעקטאָרן פונם טעאַטער האָבן דאָרט אויך איינגעאָרדנט זייערע דירות. נישט איינמאָל פלעגן זאָ אומדערוואַרט אַריינפאַלן פאָרשטייער פון דער דייטשישער געהיימער פּאָליציי און דערווישן דעם גאַנצן געבויאַכטן טראַנספּאָרט שמוגל. אָבער געשעפט איז דאָך געבויט אויף ריזיקע. . . מען האָט אין געטאָ דערציילט, אַז בעת אַ נאַכט־רעוויזיע אין שטוב פון איינעם פון די דירעקטאָרן, האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן פליען פלעשער דורך די פענצטער אין גאָרטן אַריין. איינע אַזאַ פלאַש איז געפאַלן אין קאָפּ פון אַ „שמירה״־אַגענט, וועלכער האָט שפּעטער די פלעשער צונויפגעזאַמלט. אין די פלעשער זענען, משמעות, געווען באַהאַלטן דאָלאַרן. פון דער שמוגל־צענטראַלע האָבן געלעבט הונדערטער מענטשן.

געעפנט האָט סאַנדלער דאָס טעאַטער מיט אַ רעווי „די לוסטיקע קאַפּעלע״. די רעווי איז אויסגעשטעלט געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן לוקסוס, ביי זייער אַ רייכער אויסשטאַטונג. פאַר אַלע אַרטיסטן האָט מען ספּעציעל גענייט קאָסטיומען, נישט רעדנדיק שוין פון סאַנדלערן אַליין, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ ניי־אויפגענייטן ווייסן פראַק און אַ שוואַרצן פראַק, אַ ווייסן סמאָקינג און אַ שוואַרצן סמאָקינג, און אַלץ — פון די טייערסטע שטאָפן און זיידנס. די אויסשטאַטונג פון דער בינע און די קאָסטיומען האָבן אָפּגעקאָסט אין די צענדליקער טויזנטער זלאָטעס. מען מוז צוגעבן, אַז די דאָזיקע רעווי איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ. שפּעטער האָט אָבער סאַנדלער אויפגעפירט אין זיין אייגענער באַאַרבעטונג ׳מאָטקע גנב׳ פון ש. אַש, איז עס געווען איין גרויסער סקאַנדאַל. ׳מאָטקע׳ און „מערי״ האָבן אויף דער בינע געשטעלט אַ חופּה וקדושין כדת משה וישראל. . . „מאָטקע״ איז צו דער חופּה געקומען אין אַ לאַנגער יידישער קאַפּאָטע און קליין היטעלע. סאַנדלער האָט באַשלאָסן „מאָטקען״ פרום צו מאַכן, צו להכעיס די שונאים. . . אַזעלכע הפקרדיקע האַנדלונגען אויף דער בינע זיינען געווען אין גייסט פון דעם גלענצנדיקן שוישפּילער חיים סאַנדלער.

אין געטאָ האָט חנה לעווין אין טעאַטער פון איר מאַן „ניי־אַזאַזעל״ געפייערט, אין יאָר 1942, איר 30־יאָריקן בינע־יובל. די „פייערונג״ האָט געדויערט פון 6 אָוונט און זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט (אין יענער צייט האָט מען נאָך 9 אַ זייגער אין אָוונט שוין נישט געטאָרט גיין איבער די גאַסן). מען האָט געשפּילט „ליבע און פאַרראַט״. אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג, ווי אויך אינם דיוועדטיסמענט, האָבן, אויסער די יובילאַרין, אָנטייל גענומען פאָלגנדיקע אַקטיאָרן: אייזיק סאַמבערג, חיים סאַנדלער, שמחה פאָסטעל, ראָזאַ גאַוועל, ראָזאַ סאַנדלער, דוד האַמבורגער, י. באַלבירסקי, ז. סאַלווע (דער יובילאַרינס איידעם), הילסבערג (די טאָכטער פונם אַקטיאָר מאָטל הילסבערג), יעקב וויינבערג, יוסף נייווירט און וואָלף נייהויז. קיין איינער פון די אויסגערעכנטע געפינט זיך שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע. . .

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ די „יידן־אַקציעס", האָט סאַנדלער פאַרוואַנדלט זיין טעאַטער אין אַ „שאָפּ".

דעם 12 סעפּטעמבער 1941 איז דאָ א'ר פון א. סאַמבערג אויפגעפירט געוואָרן „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם, דעם 3 אָקטאָבער 1941 איז אויפגעפירט געוואָרן „צוויי גנבים" פון ה. קאַלמאַנאָוויטש, דעם 31 אָקטאָבער — „אַ מאַן פון צוויי ווייבער" פון י. זאַלאַטאַרעווסקי, דעם 14 נאָוועמבער האָט סאַמבערג אויפגעפירט מאָליערס „דער קאַרגער", דעם 4 פעברואַר 1942 איז געשפילט געוואָרן „אשה רעה" פון לאַטיינער, דעם 6 מערץ — „צו שפּעט" פון משה ריכטער, דעם 13 מערץ — „בר מצוה" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, דעם 1 אַפּריל 1942 איז געגעבן געוואָרן, וואַרשיינלעך די לעצטע אויפירונג: „דודס פידעלע" פון י. לאַטיינער.

רוטע פּופּס באַמערקט, אַז „ביי אַזאַזעל" האָט געגעבן עטלעכע שיינע פאָרשטעלונגען פון קלאַסישן רעפּערטואַר, האָט זיך אָבער געמוזט רעכענען מיט די געשמאַקן פון עולם, וואָס האָט געפאָדערט אַ לייכטערן רעפּערטואַר".

זלמן זילבערצווייג האַלט, אַז דער רעפּערטואַר איז ניט געווען קיין אויסגערעכנטער, נאָר איז דעצידירט געוואָרן דורכן אַקטיאָר סאַמבערג, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם טעאַטער. סאַמבערג אָט דאָ געשפּילט די פּיעסן, וועלכע זיינען געווען אין זיין רעפּערטואַר די מעלאָדראַמעס (אין אָנהייב פון זיין קאַריערע) און דעם ליטעראַריש־קלאַסישן אין זיין שפּעטערדיקער קאַריערע.

ש. ע. פון זלמן זילבערצווייג.
יאַנאַס טורקאָוו — „פאַרלאָשענע שטערן", בוענאָס איירעס, 1953, באַנד איינס, זז. 87־284.
רוטע פּופּס — טעאַטער אין וואַרשעווער געטאָ, „מ'פ", נ. י., 18 אַפּריל 1969.

## טאַליני, נינאַ
## [ווינאָקור]

[געב. 1901 — געשט. 28 פעברואַר 1940]



געבוירן 1901 אין קאָוונע, ליטע. איר זיידע, אַ רב, האָט איר אין איר קינדהייט געלערנט לייענען יידיש. פון אירע יונגע יאָרן אָן האָט זי אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן צו דער בינע; זי האָט געזונגען, געטאַנצט, דעקלאַמירט. שוין ווי אַ קינד פון 5 יאָר איז זי אויפגעטראָטן מיט אַ דעקלאַמאַציע און שפּעטער פאַנטאַזירט צו ווערן אַן אַקראָבאַטקע. נאָכדעם ווי זי האָט אין פּעטערבורג פאַרענדיקט גימנאַזיע, איז זי אָנגעקומען אין אַ דראַמאַטישע שול ביים קייזערלעכן אַלעקסאַנדער טעאַטער, און דערנאָך געשפּילט צוויי סעזאָנען אין טעאַטער פון סאַבוראָוו און אין „טעאַטער פון דער פרייער קאָמעדיע", און גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין פּעטערבורגער טעאַטער פון לייכטן זשאַנר „באַלאַגאַנטשיק". אין 1925 זיך באַזעצט אין ריגע, ווו זי האָט געשפּילט אין דער רוסישער דראַמע און דערנאָך אַרומגעפאָרן מיטן „בלויען פויגל" א'ד יוזשני איבער מערב־אייראָפּע. צוריקגעקומען אין ריגע, איז זי אַרויסגעטראָטן אין רוסיש אין דער רוסישער דראַמע און אין דער אָפּערעטע, ווו זי האָט אויך געזונגען אַ יידיש ליד.

אין 1932 איז זי אַריבער אין יידישן טעאַטער. פאַר דעם צוועק האָט זי זיך גענומען פלייסיק לערנען יידיש. וועגן אַן עפּיזאָד וואָס זי האָט געהאַט מיט יידיש, דערציילט זי:

„אין סובאָראָוס טעאַטער אין פּעטערבורג, ווו זי האָט געשפּילט, איז געגאַנגען אַ קאָמעדיע פון יידישן לעבן „די הערן מאַיער", לויט איר ראָל האָט זי דאָרט געהאַט צו זאָגן אַ יידישע פראַזע: „נו, וואָס האָב איך געזאָגט?", און אָט די יידישע פראַזע האָט געהאַט אַ אַזאַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג, אַז אין משך פון מערערע חדשים, ווי לאַנג די פּיעסע איז געגאַנגען, איז דאָס געוואָרן אַ פליענדע פראַזע אין שטאָט. אַלע האָבן דאָס אומעטום נאָכגעזאָגט. און מען קאָן כמעט אויף געוויס זאָגן, אַז אַ טייל פון איר פּאָפּולאַריטעט האָט זי צו פאַרדאַנקען דער יידישער פראַזע".

ל. מירקעס [מאַרק ראַזומני], וואָס האָט געהאַט מיט איר אַ שמועס אײדער זי איז אַריבער אויף דער יידישער בינע, שרייבט:

„נינאַ טאַליני האָט שוין פון לאַנג אַן אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך און צום יידישן טעאַטער, און זי איז אַפילו שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אונדזערע יידן, וואָס האַלטן ניט פון יידיש. „עס איז מיר פּשוט אומפאַרשטענדלעך — זאָגט זי — ווי רעדט דאָס אַ ייד קיין יידיש ניט און ווי לערנט מען דאָס אַ יידיש קינד קיין יידיש"? עס איז מאָדנע צו הערן אַזעלכע עכט־יידישע רייד פון דער גויִיש־אויסזעענדיקער נינאַ טאַליני מיטן גאָלדענעם שויבער אויפן קאָפּ. איך קאָן זיך ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז דאָ זיצט מיר אַנטקעגן אַ 100־פּראָצענטיקע שיקסע, און ערשט, אַז זי הייבט אָן צו ריידן יידיש, איבערצייג איך זיך, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. „ניט איר אַליין האַלט מיך פאַר אַ גויע — זאָגט פרוי טאַליני מיט אַ שולדיק שמייכעלע — איך געדענק, אין מיינע קינדער־יאָרן פלעג איך כסדר הערן ביי מיין זיידן דעם רב אין שטוב ווי די רביצין זאָגט צו די יידן, וואָס זיינען צו אים געקומען 'וואַרט אַ ווייליניקע, זעצט זיך צו'. איך האָב אָפּגעקאָפּירט די פראַזע, און ווער עס פלעגט קומען, פלעג איך זאָגן: 'וואַרט אַ ווייליניקע. זעצט זיך צו', און אָפטמאָל פלעגן מיך די יידן אָנקוקן און פרעגן ביי דער באָבען: 'זעט ווי גוט די שיקסעלע רעדט יידיש'."

עטלעכע יאָר האָט ט. געשפּילט אויף דער יידישער בינע סיי אין דער אָפּערעטע („דאָס איז זי", „די אַמעריקאַנערין" א. אַ.) און סיי אין דער דראַמע. דעם 23 סעפּטעמבער 1933 איז זי אויפגעטראָטן אין דער ראָל „דזשאונס" אין „דוד גאָלדער" פון אירענאַ ניעמיראָווסקאַ.

זלמן זילבערצווייג, וועלכער האָט זי געזעען שפּילן אין ריגע אין דער יידישער אָפּערעטע, שרייבט:

„אויסער אַ פּרעכטיקע שטימע, וואָס איז געווען זייער פּאַסיק פאַר די פּרימאַדאָנע־ראָלן און טיילמאָל סוברעטין־ראָלן, וואָס זי האָט געשפּילט, איז זי געווען באַשאָנקען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער עלעגאַנץ, ראַפינירטקייט און אַ חן, וואָס האָט אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג ווען מ'האָט זי געזעען אויף די בינע־ברעטער.

זי איז געווען בטבע אַ שיינע, אָבער די בינע האָט איר צוגעגעבן נאָך מער שיינקייט. זי האָט געהאַט אַ גוטע סצענישע דערפאַרונג, האָט געשפּילט מיט טעמפּעראַמענט, און ווען ניט דער חורבן, צו וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט דערפירט, האָט זי